מיטן פרי־מגדים. אַזוי יעדן טאָג, אַ חוץ שבת, האָבן מיר געלערנט ביז ניין אַזייגער, ווען מיר זיינען געגאַנגען דאַווענען. ווינטער נאָך מעריב און זומער נאָכמיטאָג האָבן מיר געלערנט גמרא מיט תוספות. דער שיעור איז אָבער ס׳רוב איבערגעשלאָגן געוואָרן, פון די שטענדיקע דין־תורות און דאָס לאָדענען פון די צוקער סוחרים.

הרב ר׳ אברהם יצחק בערל ז״ל

אוצר החכמה 34893

אין דער גרינדונג פון דער קאַלבסובער ישיבה, האָבן זיך באַטייליקט קודם־כל דער דיין ר׳ יחיאל שוס וויינמאַן מיט עטלעכע חשוב׳ע בעלי־בתים, אָבער אַ גרויסן חלק האָט אין דעם געהאַט דער רב ר׳ אריה־לייבוש טייטלבוים.

די עטאַבלירונג פון דער ישיבה איז געווען פון געוואַלדיקער וויכטי־קייט. ערשטנס, האָט עס מיטאַמאָל אַראָפּגענומען די קאָנקורענץ צווישן די מלמדים און זייער דאגה פאַר פּרנסה. די מלמדים האָבן זיך געקאָנט קאָנצענ־טרירן נאָר אויף דעם לערנען. צווייטנס, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גוטע אויפזיכט, הן אויף די מלמדים, הן אויף די תלמידים. דריטנס, האָט עס געמאַכט מעגלעך צו פּלאַנירן די לימודים אויף אַ סיסטעמאַטישן און בהדרגה׳דיקן שטייגער. פערטנס, איז געעפנט געוואָרן די טיר פון לערנען פאַר אָרעם און רייך צוגלייך. פינפטנס, ס׳איז דערהויבן געוואָרן דער כבוד התורה און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ קנאת סופרים; יינגלעך האָבן זיך געפּליסט איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן אין לערנען און אין התמדה.

אוצר החכמה 34893

פון דער ישיבה איז אַרויסגעקומען אַ היפּשע צאָל לומדים. איינער פון די גאָר אויסגעצייכנטע איז געווען מיין יינגערער ברודער הרב ר׳ אברהם יצחק בעריל ז״ל. מ׳האָט אים גערופן „אברהמעלע״. ער איז געווען אַ גרויסער מושלם און אַ בקי בכל חדרי־התורה, באַקאַנט מיט יעדן ווינקל פון לימודי היהדות און אויך באַקאַנט אין וועלטלעכע שפּראַכן און וויסן. הרב אברהם יצחק בערל האָט באַקומען היתר־הוראה פון דעם גרויסן גאון ר׳ שמואל פירער, אב״ד פון קראַסנע. הגם אברהמעלע האָט נישט פאַרנומען קיין אָפי־ציעלע פּאָזיציע אין שטאָט, זיינען אָבער אַלע ספיקות אין לערנען אַזוי גוט ווי אין הלכה געבראַכט געוואָרן צו אים פאַר זיין ענדגילטיקער אַנטשיידונג.

דער דאָמבראָוווער גאון הרב ר׳ נחום ווידענפעלד ז״ל הי״ד, מחבר פון ספר שו״ת „חזון נחום״, פלעגט אָפט קומען קיין קאַלבסוב צו באַזוכן זיין טאָכטער, וועלכע איז געווען די פרוי פון ר׳ משה לאַנדאָ. די גרעסטע הנאה פון דאָמבראָוווער גאון דורך דער צייט פון זיין אויפהאַלט אין קאַלבסוב, זיינען געווען זיינע תורה־שמועסן מיט מיין ברודער אברהמעלע. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט פיל גדולי הדור, מיט דעם ראַגאַטשאָווער גאון ר׳ יוסף

ראָזין, מחבר פון „צפנת פענח״, מיט דעם קישינעווער רב, הרב י. ל. צירלסאָן און אַנדערע.

אַן ענטפער אויף אַן אָנפראַגע פון מיין ברודער אברהמעלע געפינט זיך אין ספר שו״ת „אמרי דוד״, פון סטאַניסלאַווער רב הרב דוד הלוי איש הורוויץ (בילגוריי תרצ״ד, ניו־יאָרק תשכ״ו). די תשובה, סימן קצ״א עפנט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„ב״ה ב׳ אמור, כ״ה למב״י תרפ״ח סטניסלאב.

לכבוד האברך הרב החריף ובקי טובא, סופר מהיר ונפלא, מו״ה אברהם בעריל נ״י בעיר קאָלבסוב יע״א.

מעשה ידי אצבעותיו המלאים זיו ומפיקים נוגה הגיעני לפני יום או יומים והן היום שמתי עיני על יקרתו מהחל עד כלה וראיתי אחרית דברו, כי עד מהרה ירוץ דברי תשובתי אליו, ע״ז אשיבהו מילין...״

ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז הרב אברהם בערל אַנטלאָפן קיין לעמבערג. פון דאָרט איז ער דורך די רוסן טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער, וואו ער איז געווען געצוואונגען צו שניידן געהילץ אין די קאַלטע וועלדער לעבן פינלאַנד, און וואו ער האָט שטאַרק געהונגערט. מיט דער באַפרייאונג פון די פּוילישע בירגער, איז ער אין סוף 1940 אָנגעקומען קיין טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען תורה מיט קינדער פון די בוכאַרער יידן. אָבער ס׳איז דאָרט אויסגע־בראָכן אַן עפּידעמיע פון טיפוס, און נאָך שווערער מי איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אַ שפּיטאָל, וואו ער איז געשטאָרבן אין כ״ד חשון תש״א, אין עלטער פון דרייסיק יאָר. די באַמיאונגען דורך הרב שליפער פון מאָסקווע צו געפינען דעם קבר און צו שטעלן אַ מצבה האָבן נישט געבראַכט קיינע רעזול־טאַטן. יהי זכרו ברוך ותנצב״ה.

קאָלבסוב אונטער פּוילן

צום סוף 1918, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, האָט אייגנטלעך אין גאַליציע נישט באַדאַרפט פאָרקומען קיין גרויסע ענדע־רונג אין דער באַציאונג פון די מלוכה־באַאַמטע לגבי די יידן, ווייל אויך אונטער עסטרייך זיינען די מערסטע באַאַמטע געווען פּאָלאַקן, און על־פּי־רוב זיינען זיי געבליבן אויף זייערע אַמטן. אין קאָלבסוב האָבן אָבער יידן גלייך דערפילט, אַז ס׳איז פאָרט נישט גלייך ווי פריער אונטער עסטרייך. דוכט זיך, דער זעלבער באַאַמטער אין דער זעלבער קאַנצעלאַריע, רעדט ער איצט צום זעלבן באַקאַנטן ייד גאָר אַנדערש, מיט אַ נייעם לשון, פון אויבן אַראָפּ, מיט חוצפה און אַמאָל מיט אָפענער שנאה און מיט בייזע וואָרנונגען און שוואַרצע נבואות.